View in browser

קניידל
טעגליכע פאָרציע נייעס.

זונטאג בהעלותך - י״ב סיון תשפ״ה
קניידל #419

EARLY BIRD SPECIAL
Family Package $1,225
Tour Brochure
היימיש
Amish
Vacanzia
THE KOSHER WAY TO GET AWAY
877.VACANZIA
GoVacanzia.com
info@GoVacanzia.com

קניידל אבזערוואציעס

איראן באשטעלט פון כינע מאטעריאלן צו פאבריצירן ארום 800 באליסטישע מיסילס

איראן - איראן האט באשטעלט א מאסיווע קוואנטום מאטעריאלן פון כינע צו נוצן אין איר באליסטישע מיסיל פראדוקציע, לויט א באריכט וואס איז פארעפנטליכט געווארן אין וואל סטריט דזשורנאל, און קומט אין א צייט וואס טעהראן איז פארמישט אין נוקלעארע פארהאנדלונגען מיט אמעריקא.

ציטירנדיג קוועלער פארמישט אין די אפקויף, באריכטעט דער דזשורנאל אז איראן'ס באשטעלונג נעמט אריין גענוג 'אמאניום פערטשלאראט' - א שליסל באשטאנדטייל אין ברענשטאף ראקעטן - צו פאבריצירן אזוי פיל ווי 800 באליסטישע מיסילס. איראן האט געקויפט די מאטעריאלן פון א האנק-קאנג באזירטע פירמע, און איז ערווארטעט אז עס וועט אנקומען אין איראן אין די קומענדיגע חדשים.

מערב-וועלט באאמטע גלייבן אז טייל פון דער ליפערונג קענען געשיקט ווערן דירעקט צו איראנער געשטיצטע טעראר גרופעס, א שטייגער ווי די כותי רעבעלן וועלכע פארמאגן באליסטישע מיסילס.

דער כינעזער אויסערן מיניסטעריום האט אפגעווארפן די באריכט זאגנדיג אז זי איז נישט באוואוסט מיט די באשטעלונג און אז זי האלט זיך צו שטרענגע עקספארט קאנטראל אויף די מאטעריאלן. איראן האט נישט רעאגירט אויף די באריכט.

טראמפ איז נישט אינטערסירט צו רעדן מיט מאסק אויסצוגלייכן די קריגעריי

וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ איז נישט אינטערסירט צו רעדן מיט אילאן מאסק, און ער באטראכט צו אוועקגעבן דעם רויטע טעסלא וואס ער האט געקויפט אין מערץ, האט א ווייסע הויז באאמטע געזאגט פרייטאג, סיגנאליזירנדיג אז דער פרעזידענט און מאסק וועלן זיך נישט אויסגלייכן אין די קומענדיגע טעג אין זייער קריגעריי איבער די "גרויסע און שיינע" געזעץ וואס איז אין צענטער פון טראמפ'ס אגענדע.

אין אינטערוויואס מיט עטליכע אמעריקאנער נייעס קוועלער, האט טראמפ געזאגט אז ער איז פאקוסירט אויף אנדערע אייגנעלעגנהייטן. "איך טראכט אפילו נישט וועגן אילאן," האט טראמפ געזאגט.

טעסלא סטאקס זענען געשטיגן דעם פרייטאג, און האבן זיך טיילוויז צוריקגעכאפט פון די מאסיווע 14% קראך דעם דאנערשטאג ווען די פירמע האט פארלוירן $150 ביליאן אין ווערט, דער גרעסטע איין-טאגיגער פאל אין דער פירמע'ס געשיכטע.

מיסיע געענדיגט: רוסישער וואגנער גרופע פארלאזט מאלי נאך דריי אהאלב יאר שלאכטן

מאלי - די רוסישער וואגנער גרופע האט געמאלדן אז זי וועט פארלאזן מאלי נאך וואס זי האט געקעמפט קעגן איסלאמישער מיליטאנטן פאר דריי און א האלב יאר, און זי קערט זיך צוריק אהיים וויבאלד איר מיסיע אין דעם אפריקאנער לאנד האט זיך סוקסעספול געענדיגט.

אין א מעסעדזש אויף טעלעגראם, האט וואגנער געזאגט אז זי האט צוריקגעבראכט אלע גרויסע צענטערן ארום די לאנד צו די קאנטראל פון די מיליטער פון מאלי, און זי האט ארויסגעשטויסן אלע איסלאמישער קריגער און געהרגעט זייערע קאמאנדירן.

וואגנער איז אין מאלי זינט 2021 ווען איסלאמיסטישע אויפשטענדלער האבן ארויסגעווארפן די פראנצויזישער און יו.ען. טרופן.

מדנ"י וועט נישט אטאקירן איראן אויב די אמעריקאנער פארהאנדלונגען וועלן נישט דורכפאלן

מדנ"י - מדנ"י האט פארזיכערט פאר די ווייסע הויז אז זי וועט נישט דורכפירן קיין מיליטערישע אטאקע אויף איראן'ס נוקלעארע איינריכטונגען אויסער אויב דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ וועט באשליסן אז די פארהאנדלונגען מיט טעהראן האבן דורכגעפאלן, לויט א באריכט דורך אקסיאס, ציטירנדיג צוויי מדנ"י באאמטע מיט אינערליכע אינפארמאציע.

די פארזיכערונג איז געגעבן געווארן דורכאויס א הויך-שטאפל באזוך אין וואשינגטאן א צייט צוריק דורך דער סטראטעגישע אייגנעלעגנהייטן מיניסטער ראן דערמער, מוסד דירעקטאר דוד ברנע, און נאציאנאלע זיכערהייט ראטגעבער צחי הנגבי. די מדנ"י דעלעגאציע האט זיך געטראפן מיט הויכראנגיקע אמעריקאנער באאמטע אין א צייט ווען עס הערשט זארג אז א מדנ"י אטאקע אויף איראן וועט צושטערן נוקלעארע אפמאך געשפרעכן צווישן אמעריקא און איראן.

קניידל ביזנעס

מדנ"י - פיר איי-די-עף זעלנער זענען אומגעקומען און פינף אנדערע זעלנער זענען פארוואונדעט געווארן אין א שרעקליכע טראגעדיע וואס האט פאסירט אין כאן יוניס, דרום עזה, דעם פרייטאג צופרי, ווען א געביידע אין וואס זיי האבן זיך געפונען איז צוזאמגעפאלן אין רעזולטאט פון א באמבע אויפרייס. די איי-די-עף האט רעאגירט מיט שווערע באמבאדירונגען אויף די ארומיגע געגנט אין א צייט ווען העליקאפטערס האבן עוואקואירט די פארוואונדעטע.

קאנאדע - דער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער קארני האט דעם פרייטאג אפגעהאלטן א טעלעפאנישער געשפרעך מיט אינדיע'ס פרעזידענט נירענדרא מודי, און אים איינגעלאדנט צום קומענדיגע דזשי-7 סאמיט שפעטער דעם חודש וואס וועט פארקומען אין אלבערטא, קאנאדע, פון יוני 15 - 17. "איך בין צופרידן פון די איינלאדענונג דורך דער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער צום סאמיט," האט מודי געשריבן אויף סאציאלע מידיע.



רוסלאנד - רוסישער נייעס קוועלער מעלדן אז דער אמעריקאנער בירגער דזשאוסעף טאטער, וועלכער איז ארעסטירט געווארן אין מאסקווא פאריגע אויגוסט, איז באפרייט געווארן פון טורמע און האט פארלאזט רוסלאנד. טאטער איז געווען איינס פון ניין אמעריקאנער וואס ווערן געהאלטן אין רוסלאנד. ער איז ארעסטירט געווארן נאך וואס ער איז באשולדיגט געווארן אין אטאקירן א פאליציי אפיציר.

דייטשלאנד - דער דייטשישער לופטליניע גרופע לופטהאנזא האט געמאלדן אז זי וועט באנייען פליגער רייזעס צו און פון תל אביב קומענדיגע יוני 23, שטייגענדיג א חודש נאך וואס זי האט אפגערופן די רייזעס צוליב זיכערהייט זארג. די לופטהאנזא גרופע אפערירט אויך: אוסטריען, סוויס, ברוסעלס עירליינס, יוראווינגס, איי.טי.עי. און לופטהאנזא קארגא.

פוילן - אין א איבערראשנדע שריט האט די פוילישע פארטיידיגונג מיניסטעריום געמאלדן אז זי האט צוריקגעציגן א געפלאנטע באשטעלונג פון 32 אמעריקאנער בלעק-האוק העליקאפטערס פאר איר ארמיי פון די פירמע לאקהיד מארטין. "מיר האבן באשלאסן צו מאכן ענדערונגען צום העליקאפטער פראגראם צו בעסער צופאסן פאר צוקונפטיגע שלאכטן," האט די מיניסטעריום געמאלדן.

מיטל מזרח - חאליל אל-חיה, דער פירער פון כאמאס אין עזה, האט געזאגט אין א פראוואיס-רעקארדירטע רעדע אז די גרופע האט נישט אפגעווארפן דעם לעצטע אמעריקאנער פארשלאג פאר א פייער-אפשטעל מיט מדנ"י, נאר פארלאנגט ענדערונגען וואס וועלן פארזיכערן אז די קריג קומט צו אן ענדע. אל-חיה האט צוגעלייגט אז די גרופע איז גרייט פאר א נייע רונדע געשפרעך.

מדנ"י - די איי-די-עף האט געטראפן און געברענגט צו מדנ"י די קערפער פון די טיילאנדער משכון נאטאפאנג פינטא אין די רפיח אומגעגנט און עזה. פינטא איז פארכאפט געווארן זייענדיג ביים לעבן דורך טעראריסטן פון די מודשאהדין טעראריסטישע ארגאניזאציע פון קיבוץ ניר עוז ביים אקטאבער זיבן אטאקע, און איז ערמארדעט געווארן אין געפענגעניש.



קאליפארניע - פרעזידענט טראמפ האט געשיקט 2,000 נאציאנאלע גארד קרעפטן צו לאס אנדזשעלעס, נאך וואס עס האט אויסגעבראכן מאסיווע פראטעסטן און ראיאטן קעגן די פעדעראלע ארעסטן פון אומלעגאלע אימיגראנטן. פילע קארן זענען באשעדיגט געווארן מיט שטיינער, מיט פראטעסטירער וועלכע זענען געזעהן געווארן האלטן מעקסיקאנער פענער.

קליקט דא זיך איינצושרייבן דורך WhatsApp

קניידל פינאנציעלע

אמעריקאנער עקאנאמיע לייגט צו 139,000 דזשאבס אין מאי, בעסער ווי ערווארטעט



א פרישע באריכט פון די ביורא און לעיבער סטאטיסטיקס ציינט אז די אמעריקאנער עקאנאמיע האט צוגעקומען 139,000 דזשאבס אין חודש מאי. דאס איז עטוואס ווייניגער ווי די 147,000 פון א חודש פריער אבער פארט בעסער ווי עקאנאמיסטן האבן ערווארטעט.

די אנעמפלוימענט ראטע איז געבליבן שטייען ביי 4.2%. די דורכשניטליכע געהאלט איז געשטיגן דעם חודש מיט 0.4% אנקומענדיג 3.9% העכער ווי פאריאר.

די סטאק מארקעט האט געהאט א גוטע טאג נאכפאלגנדיג די באריכט וואס מאלט אראפ א בילד פון א לעבעדיגע מארקעט וואס האלט זיך פעסט טראץ די עקאנאמישע שטורעם.

בראודקאם מעלדעט גוטע פארדינסטן, שעירס פאלן נאכאלץ צוליב שוואכע פארשאצונג

די טשיפ פירמע בראודקאם האט געמאלדן צווייטע-קווארטל פארדינסטן פון $4.9 ביליאן אויף א רעווענו פון $15 ביליאן, ביידע עטוואס העכער ווי וואל סטריט האט ערווארטעט.

טראץ דעם זענען שעירס אין די פירמע געפאלן מיט 5% אויף פרייטאג, וויבאלד איר פארשאצונג פאר די קומענדיגע קווארטל האט פארפעלט צו באאיינדרוקן אינוועסטירער וועלכע האבן געהאפט גאר היכע ערווארטונגען פון טשיפ פירמעס אין א צייט פון מאסיווע עי-איי וואוקס.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CREDIT
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans · Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

קניידל געזונטע

אייראפעאישער מעדיצינישער רעגולאטור באשטעטיגט איבער אויג שאדן פאראורזאכט דורך אזעמפיק

נאווא נארדיסק'ס פאפולערע וואג-פארלוסט און דייעביטיס דראגס וויגאווי און אזעמפיק קענען פאראורזאכן ערנסטע אויג שאדן פאר פאציענטן, און קען אין זעלטענע פעלער פאראורזאכן פאציענטן צו פארלירן דעם זעה קראפט, האט די אייראפעאישער מעדיצינישער אגענטור'ס זיכערהייט קאמיטע געמאלדן.

אין די פארגאנגענהייט, האבן שטודיעס געוויזן אז אסאך מענטשן וואס האבן געמעדן אזעמפיק האבן געליטן אויג שאדן, אבער אצינד איז דאס די ערשטע מאל וואס א רעגולאטור באשטעטיגט די שרעקליכע זייטיגע ווירקונג.

עקספערטן צווייפלען אין ריזיקע פון ביאלאגישע קרענק געשמוגלט צו אמעריקא דורך צוויי כינעזער סטודענטן

א ביאלאגישע קרענק וואס כינעזער פארשער ווערן באשולדיגט אין אריינשמוגלען אין אמעריקא און דאס מעגליך נוצן אלס א "אגריקולטור טעראריסטישע וואפן," איז א געוויינטליכע פארט פונגוס וואס איז שוין לאנג פארשפרייט אין אמעריקא און שטעלט כמעט נישט קיין ריזיקע פאר עסן זיכערהייט, לויט א מעלדונג דורך אגריקולטור עקספערטן.

די מעלדונג קומט עטליכע טעג נאך וואס צוויי כינעזער סטודענטן זענען ארעסטירט געווארן אין פארבינדונג מיט אריינשמוגלען דעם קרענק, און אויספארשער זאגן אז די צוויי האבן מעגליך געפלאנט א מאסיווע טויטליכע אטאקע אויף אמעריקא.

כ'וויל אים
טוין זאגן
צוויי יאר
אבער ער בליבט מיין שכן פאר די קומענדיגע יארן.
לאמיר גים אויסארבעטן
מסכים
845.751.9321

קניידל לאקאלע

סטעיט סענאטאר ראמאס אינדארסירט קאומא אין מעיאר פארמעסט

ניו יארק סיטי - דער פראגרעסיווע ניו יארק סטעיט סענאטאר דזשעסיקא ראמאס האט אפיציעל אינדארסירט דער געוועזענע גאווערנאר ענדרו קאומא אין די מעיאר פארמעסט.

ראמאס, וועלכער רעפרעזענטירט טיילן פון קווינס און איז אליינס א קאנדידאט אין די פארמעסט, זאגט אז זי בלייבט אין די פארמעסט און אויף די בעלאט כדי צו האבן א שטימע צו פארטיידיגן אירע צוזאגן. די אינדארסירונג קומט נאך וואס ראמאס האט אנערקענט אז זי וועט נישט געווינען די פריימערי וואלן.

"העכער דעם מינימום געהאלט, ביליגע הייזער, צושטעלן פאר ארבעטער און אימיגראנטן - דאס דארף נאך אלץ א טשעמפיאן, און איך גלייב אז ענדרו קען דאס צושטעלן," האט ראמאס געמאלדן אין א פרעסע קאנפערענץ דעם פרייטאג.

סיטי מעיאר עדעמס געמאלדן 15 מייל פער שעה לימיט פאר עלעקטרישע ביציקלעך צו פארזיכערן פיסגייער

ניו יארק סיטי - מעיאר עריק עדעמס האט געמאלדן א פלאן צו באגרעניצן עלעקטרישע ביציקלעך און סקוטער צו פארן ביז 15 מייל-פער-שטונדע, מיטן ציל צו פארבעסערן זיכערהייט פאר פיסגייער. די נייע לימיט איז אין איינקלאנג מיט די עקזיסטירנדע רעגולאציעס פאר שטייטגיגע סקוטערס אבער ערזעצט די איצטיגע 25 מייל-פער-שעה לימיט פאר געוויסע עלעקטרישע ביציקלעך.

די פלאן איז קריטיקירט געווארן דורך א צאל ערוועלטע באאמטע, אריינגערעכנט קאונסיל מיטגליד באב האלדען און געוועזענע מעיאר קאנדידאט קורטיס סליוואַ וואס זאגן אז דאס וועט קיינמאל נישט קענען ווערן אינפארסירט.

מעיאר עדעמס באשולדיגט די סיטי קאונסיל פאר נישט אינפירן רעפארמען איבער די שרעקליכע ביציקל ליניעס.

קניידל אידישע

ברוטאלע אטאקע אויף רב אין פראנקרייך - צווייטע אינצידענט אין איין וואך

א שרעקליכע האסע אינצידענט איז פארגעקומען דעם פרייטאג צופרי אין פראנקרייך, ווען רבי אלי לעמעל, דער גרינדער און פרעזידענט פון די באקאנטע ארגאניזאציע לב וללמד, איז ברוטאל אטאקירט געווארן ווען ער איז געזעצן אויף די טעראס פון א קאפע געשעפט אין שטאט ניי-סור-סען, א רייכע געגנט נעבן פאריז.

דער אטאקירער וועלכער איז לויט באריכטן אן אפגאניסטאנער בירגער, האט אנגעהויבן צו שלאגן הרב לעמעל, אנבערעגנענדיג א רעקארץ פון פארביישייער וואס האבן זיך איילענדיג באוויזן צו אפשטעלן דעם אטאקירער און אים ארעסטאנהאלטן ביז פאליציי איז אנגעקומען. רבי לעמעל איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל פאר מילדע באהאנדלונג.

די אטאקע קומט בלויז עטליכע טעג נאך וואס רבי לעמעל איז אטאקירט געווארן אין שטאט דעווויל, א בארגן שטעטל אין צפון פון פראנקרייך, דורך דריי שיכור'ע מענטשן. די פארדעכטיגטע זענען נאך אויף פרייע פיס און ווערן ארומגעזוכט.

דראמאטישע רעטונגס אקציע דורך ראקלענד חברים צו ראטעווען הייקער

אין א דראמאטישע רעטונגס אקציע פאריגע וואך, האבן מיטגלידער פון די ראקלענד חברים רעטונגס איינהייט רעאגירט צו אן עמערדזשענסי וואס האט פאסירט צו א הייקער טיף אריין אין די געדיכטע וואלד נעבן די פאליסעידס שאסיי הארט ביים גרעניץ צווישן ניו יארק/דזשערזי.

די אפעראציע איז דורכגעפירט געווארן מיט די קאארדינאציע פון עטליכע פאליציי אגענטורן, צוזאמען מיט ארום 25 טרעגירטע חברים וואלונטירן וועלכע זענען אריין אין אקציע.

אויסגעשטאט מיט ספעציעלע עקוויפמענט האבן זיי באוויזן צו דערגרייכן דעם הייקער און האבן אים ארויסגעפירט פון וואלד אויף א האנט-געפירטע בעט. הצלה האט דערנאך אפגעפירט דעם פאציענט צו א לאקאלע שפיטאל פאר באהאנדלונג.

וואו צו קויפן
ווייס איך. די
שאלה איז
וואס?
MALBISH

קניידל חרדישע

דעטאלן איבער מסע הקודש פון האדמו״ר מגור קיין ניו יארק

היינטיגן זונטאג נאכמיטאג וועט דאס יהדות החרדית אין ניו יארק האבן די זכיה מקבל צו זיין פני קדשו פון כ"ק אדמו"ר מגור שליט"א, וועלכע קומט אן אויף א קורצע באזוך אויפצוטרייבן די ניטיגע סכומים לטובת 'קרן התורה דגור' אין שאטן פון די גזירת הגיוס בארה"ק.

דער רבי שליט"א וועט זיך איינהאלטן דורכאויס די וואך אין שטאט בארא פארק, בבית הנגיד ר' יעקב קליין הי"ו און דורכאויס די וואך וועלן פארקומען מערערע פילאנטראפישע באנקעטן. מיטוואך נאכמיטאג וועט פארקומען די גרויסארטיגע מעמד חנוכת הבית' פאר'ן נייעם בנין ת"ת אמרי אמת אין בארא פארק. אויך איז פאראהן א מעגליכקייט אז דער רבי וועט פארבלייבן אויף שבת אין די מאנסי אומגעגנט אויף א פריוואטע פארנעם.

מעמד 'אדירי התורה' היינטיגן זונטאג

טויזנטער ליטווישע בני תורה וועלן היינט אנטייל נעמען ביים היסטארישן מעמד 'אדירי התורה' וועלכע קומט פאר אין א גיגאנטישע סטאדיום אין פילאדעלפיע. ביים מעמד וועט אויפטרעטן אלס נואם הכבוד הגאון הגדול רבי עזריאל אויערבאך שליט"א מנהיג 'קהלת בני תורה' און נאך גדולי מנהיגי עולם התורה.

שמחת **החתונה** פון אן **אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר מבאבוב-45** שליט"א בת לחתנו הרב שמחה רובין שליט"א בן הגה"צ אב"ד ציעשנוב שליט"א חתן כ"ק אדמו"ר מסטריזוב שליט"א, מיט **הכלה בת הגה"צ אב"ד סראוואש** שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול באבוב-45 אין בארא פארק.

שמחת **החתונה** פון **החתן בן הגה"צ אב"ד אמונת ישראל** שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מתולדות יהודה סטוטשין שליט"א וחתן כ"ק אדמו"ר מסערדיהעלי שליט"א, מיט **הכלה בת הרב יואל אלישע וואזנער** שליט"א בן כ"ק אדמו"ר משבט הלוי שליט"א וחתן כ"ק אדמו"ר מגארליץ שליט"א - אין זאל עטרת גאלדא אין בארא פארק.

היינט נאכט געפאלט די **יארצייט** פון הרה"ק **בעל חקל יצחק מספינקא** זי"ע - נכדו כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א וועט אפרעכטן די יארצייט טיש בבית מדרשו אין בארא פארק.

כ"ק אדמו"ר **מזוטשקא אמסנא** שליט"א איז צוגאסט **אין ניו יארק לרגל די חתונה פון א קינד.**

כ"ק אדמו"ר **מקיוויאשד** שליט"א איז אנגעקומען צוגאסט קיין **לאנדאן**, **לרגל א משפחה שמחה.**

היינט קומט פאהר די **מעמד הכנסת ספר תורה** צום **ביהמ"ד הגדול סאטמאר אויף ראדני סטריט** אין וויליאמסבורג, נדבת הנגיד ר' שמואל גרויס הי"ו.

היינט קומט פאהר די **מעמד הכנסת ספר תורה** צום **ביהמ"ד הגדול ליבאוויטש אין בארא פארק.**


SHABBOS IN ISRAEL
luzy margaretten / 347 454 2938
MEET YOUR PERSONAL CHEF IN ISRAEL. I OFFER FRESH HOMEMADE SHABBOS MEALS DELIVERED TO YOU DURING YOUR STAY. LET ME BRING THE WARMTH AND FLAVORS TO YOUR SHABBOS TABLE!
Luzy Margaretten

קניידל שידוכים

החתן **יואל** נ"י בן מו"ה **יושע פריינד** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **שלמה מרדכי זופניק** הי"ו (ב"פ)
שדכן מו"ה **שבח פיהרער** הי"ו (ב"פ)

החתן **אלעזר** נ"י בן מו"ה **אשר אנשיל ווייס** הי"ו (ק"י)
עב"ג בת מו"ה **אלי' רייזמאן** הי"ו (ק"י)
שדכן מו"ה **אפרים ראזענפעלד** הי"ו (ק"י)

החתן **חיים אברהם** נ"י בן מו"ה **ליפא אייזיקאוויטש** הי"ו (מאנסי)
עב"ג בת מו"ה **נפתלי ענגעל** הי"ו (ב"פ)
שדכן מו"ה **אשר יצחק יוסף סאמעט** הי"ו (מאנסי)

צו באקומען טעגליך - דרוקט דא

מיר ווארטן צו הערן אייער קאמענטאר
וויאזוי מיר קענען אייך בעסער סערווירן דעם פארציע.
ביטע לאזט אונז הערן אייער מיינונג דא

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe